# נקדישך

מרומם זיין עבודת התפלה וקדושת ביהמ"ד מיט די "הייליגע קבלה" נישט צו רעדן ביים דאווענען

גליון שצ"ו

פ' בהעלותך תשפ"ה לפ"ק


## כַּדָּבָר הָאָמוּר

פנינים ומרגליות על הפרשה בעניני תפלה

**וַיִּצְעַק מֹשֶׁה – קֵל נָא רְפָא נָא לָהּ.**

**זאגט** דער חיד"א: שמעתי בשם קדמונים, אז מ'האט פון הימל איבערגעגעבן דעם סוד פאר משה רבינו, אז ווען ער וועט מתפלל זיין און זאגן צוויי מאל דאסווארט 'נא', וועט זיין תפילה אנגענומען ווערן, דערפאר האט ער אצינד געזאגט: 'א-ל נא רפא נא'.

מיט דעם קען מען פארשטיין, אז ווען ער האט געבעטן א תפילה אריינצוגיין קיין ארץ ישראל, האט ער געזאגט 'אעברה נא ואראה', זאגנדיג נאר איינמאל 'נא'. האט אים דאן דער באשעפער באפוילן: 'רב לך אל תוסיף דבר עוד בדבר הזה' - ער זאל נישט זאגן דעם צווייטן 'נא'.

פירט דער חיד"א אויס: אז ער האט געפונען דעם סוד צו דעם אין הקדמה לספר מרדכי, וואו ער ברענגט אז צוויי מאל 'נא' באטרעפט 'מיכאל'.

(נחל קידומים)

## סוד שַׂרְפֵי קֹדֶשׁ

קדושת ביהמ"ד במשנתם של בעלי ההילולא

הגה"צ **מהר"ש אונגער** זצ"ל

גאב"ד חוג חתם סופר ב"ב – כ"ב סיון תשס"ד

**הַשִּׂיחָה בְּבֵיהַכְּ"נ ... כַּמָּה הֶחְמִירוּ בָּזֶה חֲזַ"ל וְכַמָּה עוֹרְרוּ עַל זֶה גְּדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל הֲלוֹא הוּא בְּסִפְרֵיהֶם הַק' וְאֵין אִישׁ שָׂם עַל לֵב. וְלֹא עוֹד אֶלָּא מִי שֶׁנִּזְהָר בָּזֶה מִסְתַּכְּלִים עָלָיו כְּבַעַל בַּטְלָן וּפְרוּמֶער...**

(דרשות תורת איש)

## הוּא מוֹשִׁיעֵנוּ

סיפורי ישועה מכלי ראשון בזכות הקבלה בקדושת התפלה

# "מ'האָט פון מיר אַרויסגעשלעפּט איין ציין מיט פינף אלפים אויפאיינמאל..."

**די** פאָלגענדע פערזענליכע געשיכטע האָט אונז אַריינגעשיקט אַ חשוב'ער איד, אַן עלטערער בעה"ב, אַ זיידע פון אייניקלעך, וועלכער האָט מיטגעלעבט ממש א וואונדערליכע ישועה אין זכות פון די הייליגע קבלה.

*

לכבוד די חשוב'ע מערכת נקדישך.

קודם כל, באמת א גרויסן יישר"כ פאר די גליונות. ס'מאכט א מורא'דיגע אויפוואכונג אין קדושת ביהמ"ד און קדושת התפילה. האפנטליך וועט מיין מעשה זיין נאך א שטיקל התעוררות, אז אידן זאלן זיך קענען אפלערנען די סגולה פון די הייליגע קבלה.

דעם פארגאנגענעם זומער האט זיך עס אנגעהויבן. איך האב אנגעהויבן שפירן שרעקליכע ציין-ווייטאג. אבער אויף אַן עקסטרעמען פאַרנעם.

אויף קיין שום אידיש קינד געזאָגט דאָס צו דאַרפן וויסן אפילו, אָבער ציין ווייטאָג איז פון די אַרגסטע און טיפסטע ווייטאָגן און קרעמפן וואָס אַ מענטש קען זיך מוטשען מיט. ס'קען ממש מאַכן שפּרינגען פאַר יסורים!

איך האָב געמאַכט אַ שנעלן אַפּוינטמענט צום דענטיסט. ער האָט פאַראָרדנט אן עקסרעי. ער האט באטראכט די רעזולטאַטן, און זיין באשלוס איז געווען אז 'מדארף אַרויסציען אַ צאָן'.

ווען כ'האב זיך געבעטן ממש בתחנונים, אז ארויסציען א צאן איז יסורים נוראים און מ'זאל פּרובירן עפּעס אנדערש, האָט ער צוגעשטימט אז מ'קען קודם פּרואוון נעמען מעדיצין ווייל ס'איז אפשר אן אינפעקציע.

כ'האב טאקע פּרובירט, ערליך גענומען די מעדיקאַציעס, אָבער ס'האָט נישט געהאלפן. גארנישט.

אינצווישן האָט די ציין גריסן שטיקער. כ'האב פּרובירט עס צו דערשטיקן מיט אַלע סאָרטן מעטאָדן, שאַרפע אַלקאָהאָל, טיילענאָל, מאָטרין, אבער כ'האב אנגעהויבן ווערן זייער אפּגעמוטשעט דערפון.

סוף זומער, ביים אהיימקומען פון די קעטסקילס, האב איך געשפּירט ממש ווי 'דאס איז עס', כ'האלט נישט אויס די ווייטאג, און מ'האט באשטעלט אן אפוינטמענט נאך יענעם טאג. אן עמערזשענסי אפּוינטמענט!

איך בין אריבערגעלאפן, נאך בעפאר'ן אפילו אויספּאַקן די פּעקלעך פון קאָנטרי, צום דאקטאר'ס אפיס, און כ'האב זיך פּשוט געבעטן: "הער דאקטאר, ביטע שלעפּט מיר ארויס דעם צאָן, ווייל כ'דערהייב מער נישט די יסורים"!

איך האב געטראכט צו מיר: 'כ'האב דאך שוין פּרובירט אזוי לאנג אן דעם. כ'האב גענומען מעדיצין. מ'האלט ביים אלטן. כ'קען אזוי ווייטער נישט אנגיין. זאל זיין אזוי, כאטש זאל איך פּטור ווערן פון די ווייטאג!'

פיין. ער האט זיכער מסכים געווען... ביי מיר האָט מען אַרויסגעצויגן אַ צאָן, און ביי אים האָבן זיך די קעשענעס אָנגעפילט...

גאַנצע 'פינף טויזנט דאלער' האָט מיר דער 'שפּיל' אָפּגעקאָסט!

מ'האָט פון מיר אַרויסגעשלעפּט 1 ציין מיט 5 אלפים אויפאיינמאל...

אבער, כ'האב געקלערט צו מיר, 'זאל עס זיין א כפּרה'. אוועק מיט די יסורים כאטש, ווער קען דען קוקן אויף געלט ווען מ'מוטשעט זיך מיט יסורים?

עס איז דורך א וואך. כ'האב גענומען, אויפ'ן באפעל פונעם דאקטאר, מעדיקעישן מיט פּעין-קיללער, כדי ס'זאל נישט ווערן מער אינפעקטירט, און אז די יסורים

המשך אויף עמוד ב'

## נֹעַם שִׂיחַ

דבר המערכת • הרב ב. צ. הירש

# כ׳ סיון

**יל כך נדפס בשם תוספות יום טוב לעשות 'מי שבירך' בכל שבת ושבת למי שאינו מדבר בבית הכנסת דברים בטלים, תיכף אחר סליחות של כ׳ בסיון שחיבר תוספות יום טוב, בשביל המעשה שנהרגו רבבות מישראל בשנת ת"ח, אמרו למעלה בשביל שדיברו בבית הכנסת ובבתי מדרשות, ונתחייבו שונאיהם של ישראל דָבָר, שפגמו הוי"ו של דבור ונעשה דֶבֶר, ובשביל שעשו גם שאר עבירות היה רציחה הרחמן הוא יצילינו׳.**

אט-דאס איז דער לשון וואס הרה"ק רב ייבי מאוסטראה זי"ע שרייבט אינעם ספר 'מורא מקדש' בנוגע די שרעקליכע גזירות וואס האבן פאסירט בשנת ת"ח ות"ט. די געציילטע שורות זאגן דער גאנצער שייכות צווישן דער 'תוספות יום טוב זי"ע' מיטן 'נישט רעדן ביים דאווענען'. דער הייליגער תוספות יום טוב זי"ע האט בימים ההם אנגעפרעגט אין הימל על מה עשה ה׳ ככה, פארוואס האט פאסירט אזא שרעקליכער גזירת כליי אויף אזויפיל אידן, און דער ענטפער איז געקומען, ווייל מ'האט מזלזל געווען בקדושת ביהמ"ד והתפילה.

די ווערטער 'אמרו למעלה' געבן גאר אסאך צו, אפילו ס'וואלט נאר געווען א הרגשה אדער א השערה פון אזא צדיק וקדוש, דיינו, אבער אויב ער האט אנגעפרעגט אין הימל, און דער ענטפער איז געקומען 'שדיברו בבית הכנסת ובבתי מדרשות', דארף עס אונז זיין גאר א שטארקער ראיה אויף די הארבקייט פון דער ענין.

כידוע איז גזירת ת"ח ות"ט געווען כמעט פון די ערגסטע הריגות און שחיטות אין די אידישע היסטאריע. אין פילע מקומות איז נאך איינגעפירט עד היום הזה צו זאגן סליחות כ׳ סיון, ס'זענען דא וואס פאסטן אויף די שווערע גזירות. און וויפיל מ'זאל נאר טראכטן דערפון בלייבט עס נאכאלץ א פלא, אזויפיל צרות נאר צוליב דער איינע עבירה פון קדושת בית המדרש?... זעט אבער אויס, אז ס'איז פון די זאכן וואס זענען העכער אונזער שכל.

אז מ'האט שוין דערמאנט הרה"ק רבי ייבי מאוסטראה זצוק"ל, איז כדאי צוצולייגן, אז דער חיבור 'מורא מקדש' האט ער ארויסגעגעבן נאך ס'איז געווען א שווערע מגיפה אין דער שטאט אוסטראה וואו ער האט געוואוינט, און ער האט עס תולה געווען אז ס'איז געקומען צוליב וואס מ'איז נישט געווען געווען נזהר בקדושת בית המדרש, און ער איז דעמאלס אליין ארום אין די בתי מדרשים פארשפרייטן די מאמרים פון חז"ל וקדמונים איבער דער הארבקייט פון דער ענין.

*

**צו** דער זעלבער צייט וואס ס'איז א יום תענית וסליחות על העבר, איז אפשר היינט בימינו אלה, בשנת תשפ"ה, א זמן וואס כלל ישראל דארף פייערן און געבן א שבח והודיה פארן באשעפער, אז מ'האט זוכה געווען צו אזא שטארקער אכשר דרא אין דער ענין.

כידוע ומפורסם בכל העולם, איז דער גאנצער ענין נשתנה געווארן מקצה אל הקצה. ס'זענען היינט דא הונדערטע בתי מדרשים, וואס בשעת'ן גאנצן דאווענען רעדט קיינער נישט קיין אייןווארט בשעת התפילה.

דא אין די ראמען פון 'נקדישך' זעט מען כסדר ווי רבנים ואדמורי"ם שליט"א לויבן אויס דער שינוי לשבח, אז אפילו גאר איינפאכע בעלי בתים, וואס מ'האט אמאל מורא געהאט זיי צו זאגן א ווארט מוסר אין דער ענין, זענען היינט גאר פון די עסקנים וואס טוען וואס נאר מעגליך אז מ'זאל נישט רעדן בשעת התפילה. און טאקע דער 'מי שבירך' וואס מ'האט קוים געקענט דער נוסח, ווערט היינט צוטאגס געזאגט בבתי מדרשם של גדולים וצדיקים.

דער הייליגער תוס׳ יו"ט זי"ע, וואס האט בשעתו מתקן געווען דער 'מי שברך', האט בימינו אלה זוכה געווען צו ווערן א תל תלפיות, וואו ס'קומען זיך קלאמערן אידן מכל קצוות תבל, לייגן אראפ קוויטלעך מיט קבלות טובות מחזק צו זיין דער עמוד התפילה, און בעטן זיך אויס זייערע בקשות און צרכים.

'גיין קיין קראקא' מיטן 'נעמען א קבלה בהתחזקות התפילה' גייען שוין היינט אינאיינעם, בפרט אין דער יומא דהילולא ו׳ אלול, וואס מיר שטייען שוין נישט אזוי ווייט דערפון, ווערן אהינגעברענגט אלפי אלפים קבלות טובות, פון זקנים ונערים, בחורים ותשב"ר.

לאמיר זיך מתבונן זיין א מינוט: אויב דער עבירה און די עונשים פון זלזול אין קדושת ביהמ"ד איז געווען אזוי הארב, איז דאך מידה טובה מרובה טויזנט מאל מער! דער נחת רוב וואס דער באשעפער האט פון דער התחזקות וואס כלל ישראל האט גענומען אויף זיך איז העכער פון אונזער השגה!

דעריבער ווען עס קומט אזא טאג וואס איז מיוחד צו קלאגן אויפן עבר, איז אויך א צייט צו דאנקען אויפן הוה, אז מ'האט זוכה געווען צו אזא געוואלדיגער התעוררות און התחזקות אין כלל ישראל, און אויך מתפלל זיין אויפן עתיד 'עד הנה עזרונו רחמיך'.

זאל דער באשעפער העלפן אז מ'זאל קענען ווייטער ממשיך זיין ביתר שאת ויתר עוז, נאך אידן זאלן זיך אנשליסן אין די הייליגע קבלה נישט צו רעדן בשעת התפילה, און אפילו די וואס זענען שוין 'תוספות יום טוב אידן', זאלן גיין מחיל אל חיל, באזייטיגן דעם סעלפאן און די גליונות בשעת התפילה, און דער קידוש שם שמים זאל משפיע זיין גוטס פאר כלל ישראל!

## הוּא מוֹשִׁיעֵנוּ

המשך פון עמוד א׳

פון ארויסציען די ציין זאלן נישט אַזוי שמערצן.

אָבער, נאך א וואך האט די ווייטאג נישט נאכגעלאזט. מ'האט געהאלטן פונקט ווי אין אנהויב!

כ'בין געווען פארלוירן. וואס טוט מען דא?

ווידעראמאל צום דענטיסט. נאך אן עקסרעי. און דער דאקטאר קלאפט אין טיש: מ'דארף ארויסשלעפן דעם נעקסטן צאן!

ב"ה איך בין שוין נישט קיין יונגערמאן. כ'בין שוין אן עלטער זיידע ב"ה, און ביז היינט האב איך ב"ה נישט געהאט צו טון מיט'ן צאן - דער אויבערשטער זאל העלפן ווייטער. און דא דארף מען ארויסציען צוויי ציין איינס נאכ'ן אנדערן. אבער וואס קען מען טון.

דאסמאל בין איך שוין נישט געווען קיין חכם, און תיכף געלאָזט ארויסשלעפן דעם צווייטן ציין.

נאך פינף אלפים, נאך מעדיצין, נאך פעין-קיללער, און נאך א קאפיטל תהלים, מיט א האפענונג און זיכערקייט אז יעצט וועט עס שוין בעזר ה׳ נאכלאזן...

אבער, ניין! מ'האלט דא ווי נעכטן, און אייער-נעכטן!

ס'איז ממש שרעקליך.

מ'האלט שוין ראש השנה אינדערפרי. מ'איז אויפגעשטאנען, געלערנט און געזאגט תהלים, און די ווייטאג איז נאך אלץ דארט!... כ'שפיר ממש ווי איך קען מיך נישט שטעלן דאווענען. מיט אזעלכע יסורים!

אזוי זיך מוטשענדיג מיט מיין ווייטאג, שפרינגענדיג פאר יסורים, ווייזט מיר איינער צו א 'נקדישך', וואס האט בערך אזא מעשה, אז איינער האט געליטן פון עפעס א געוויסע ווייטאג, ער האט זיך פארגענומען די הייליגע קבלה נישט צו רעדן ביים דאווענען, און ער האט געזען א ישועה.

קודם האט עס נישט גערעדט צו מיר בכלל, נישט ווייל כ'מאַך ח"ו אוועק דאָס הייליגקייט פון קדושת התפילה, נאָר פאַרקערט; פשוט ווייל איך האב ב"ה קיינמאל נישט גערעדט ביים דאווענען! ביי מיר איז דאס אלץ געווען א דבר פשוט!

אבער יענער האט נישט געקענט צוקוקן מיינע ליידן, האָט ער אָנגעהויבן איינ'טענה'ן, 'אפשר דאך זאלסטו זיך פארנעמען א קבלה; אויב מ'נעמט א קבלה האט עס א גרעסערן כח, א מענטש ווייזט אז ער וויל טון א דבר טוב, ער טוט עס בכוונה תחילה צו מאכן א נחת רוח פאר'ן רבונו של עולם. פרוביר עס אויס!'

פיין, ערלעדיגט. וואס טוט נישט א מענטש אין זיין ווייטאָג? בפרט ווען בעצם בין איך דאך א מורא'דיגער חסיד פון נישט-רעדן ביים דאווענען. פארקערט.

המשך אויף עמוד ח׳

תפלת שב"ק

# די גרויסקייט פון די תפילות שבת קודש

## די זעלבע תפילות; א העכערע מדריגה

**אין** פילע ספרים הק' טרעפט מען מורא'דיגע עניינים איבער די ספעציעלע גרויסקייט און חשיבות פון די תפילות שבת קודש, און אפילו די חלקים פונעם דאווענען וואס מען זאגט אינדערוואכן די זעלבע נוסחאות, דאך איז עס שבת אין פיל א העכערע מדריגה.

אין **זוהר הקדוש** (פינחס, רמג., ברעיא מהימנא) שטייט: **'וכל צלותין דישראל ריחא דלהון כריחא דמר ולבונה וכל אבקת רוכל בשאר יומין, אבל בשבתות וימים טובים חשיב עליה מכל מיני בשמים'.**

דער הייליגער **פנים יפות** (פרשת יתרו, ד"ה לא תעשה כל מלאכה) טייטשט אפ וואס **חז"ל** זאגן (שבת קיג:) **'שלא יהא דיבורך של שבת כדיבורך של חול'**, אז דאס מיינט נישט בלויז צו זאגן אז מען זאל נישט רעדן קיין וואכנדיגע דיבורים אום שבת, ווייל אויב אזוי וואלט גענוג געווען צו שרייבן 'לא ידבר בשבת דברי חול', נאר די כונה איז, אז אפילו די דיבורי קודש פון תורה און תפילה פון שבת קודש זאל בכלל נישט זיין די זעלבע ווי די ווערטער פון די ימות החול, נאר עס זאל זיין מיט א ספעציעלע קדושה און פנימיות.

**הרה"ק ר' מאיר'ל מאפטא זי"ע** טייטשט אין זיין ספה"ק **אור לשמים** (פרשת פינחס) דעם פסוק **'עולת שבת בשבתו על עולת התמיד'**, אז די תפילות פון שבת האבן א העכערן כח, און טוען אויף מער ווי די תפילות פון די ימי החול.

*

## די תפילות שב"ק פאר די בעלי עסקים

**דער** הייליגער **בעל התניא** אין איינע פון די **'אגרות קודש'** אין **ליקוטי אמרים** (פרק א), שרייבט צו זיינע חסידים, אז דורכאויס די ימי החול זאל מען נישט צולאזן צום עמוד די בעלי עסקים וועלכע יאגן זיך, נאר בלויז שבת און יום טוב זאל מען זיי צושיקן, ווייל דעמאלט איז זייער צייט וואס זיי קענען זיך ארייגלייגן אין דאס דאווענען מיטן גאנצן כח.

ווי ער שרייבט בלשון קודשו: **'ועתה הפעם הנני יוסיף שנית ידי בתוספת ביאור ובקשה כפולה שטוחה ופרושה לפני כל אנשי שלומים הקרובים והרחוקים לקיים עליהם שכל ימי החול לא ירדו לפני התיבה הבעלי עסקים שאין להם פנאי כל כך. רק אותם שיש להם פנאי או המלמדים או הסמוכים על שולחן אביהם שיכולים להאריך בתפלת השחר ערך שעה ומחצה לפחות כל ימות החול מהם יהיה היורד לפני התיבה ע"פ הגורל או ע"פ ריצוי הרוב. והוא יאסוף אליו בסביבו לו כל הסמוכים על שולחן אביהם או מלמדים שיוכלו להאריך כמוהו בבל ישונה נא ונא.**

**'אך בשבתות וימים טובים שגם כל בעלי עסקים יש להם פנאי ושעת הכושר להאריך בתפלתם בכוונת לבם ונפשם לה'. ואדרבה עליהם מוטל ביתר שאת ויתר עז כמו שכתוב בשולחן ערוך אורח חיים וכמו שכתוב בתורת משה ששת ימים תעבוד כו' ויום השביעי שבת לה' אלקיך דייקא כולו לה'. ולזאת גם הם ירדו לפני התיבה בשבת ויום טוב על פי הגורל או בריצוי הרוב'.**

## וואונטשן 'גוט שבת'

**ה**רה"ק **רבי יצחק מווארקא זי"ע** איז אמאל געקומען אויף שבת צו **הרה"ק רבי שלמה לייב מלענטשנא זי"ע**. נאך די סעודה פרייטאג צונאכטס, ווען דער ווארקער רבי איז ארויסגעגאנגען צו גיין צו זיין אכסניא, האט אים רבי שלמה לייב צוריקגערופן און געפרעגט א שאלה:

פארוואס יעדן טאג ווען איינער טרעפט זיין חבר וואונטשט ער זיך 'גוט מארגן', 'גוט העלפט' (דאס הייסט - א גוטן האלבע טאג, וואס מ'פלעגט וואונטשן מיטאג), 'גוט אווענט', אבער שבת זאגט מען אלעמאל 'גוט שבת', נישט קיין חילוק צי עס איז ביינאכט, אינדערפרי, נאכמיטאג?! און ער האט אליין געענטפערט: אז שבת איז אלץ בלויז 'גוט שבת', אן קיין שום שינוי.

דאן האט ער נאכאמאל געזאגט צו הרה"ק מווארקא: 'נו, גוט שבת'. דער הייליגער ווארקער האט זייער איסגעלויבט דעם ווארט און געזאגט אז עס ליגט דערין באהאלטן סודות נוראים.

*

**אמאל** האט דער **ינוקא פון סטאלין זי"ע** דערציילט פאר איינעם פון די גרויסע חסידים: מיר קומען יעצט פון שפאלע. וואס האבן מיר געטון אין שפאלע? מיר האבן געהערט אז עס איז דא דארט א איד וואס האט געקענט דעם שפאלער זיידע, זענען מיר געפארן אים זען.

ווען מיר זענען אריינגעקומען האבן מיר אים געטראפן ליגן אויפן בעט, מיט א צעבראכענעם פוס. מען האט מיר געברענגט א בענקל און איך האב מיר אראפגעזעצט. מיר האבן אים געפרעגט: איר האט געקענט דעם שפאלער זיידע? האט ער געענטפערט - יא. האבן מיר אים געבעטן אז ער זאל עפעס דערציילן, און דער זקן האט דערציילט:

דער מנהג פונעם שפאלער זיידע איז געווען, אז פרייטאג צונאכטס נאכן דאווענען זענען אלע קינדער דורכגעגאנגען אים זאגן 'גוט שבת'. יעדער האט אראפגעבויגן דעם קאפ, און דער זיידע האט ארויפגעלייגט זיינע הייליגע הענט אויף יעדן קינד און געבענטשט.

האט דער זקן ווייטער דערציילט: ווען איך בין דורכגעגאנגען זיך צו וואונטשן גוט שבת, האב איך אראפגעבויגן מיין קאפ, און דער 'זיידע' האט ארויפגעלייגט זיינע הענט אויף מיר און געבענטשט, אבער איך האב נישט געהערט וואס ער זאגט, דעריבער בין איך נאכאמאל אריבערגעגאנגען. האט ער מיר געזאגט, דו ביסט דאך שוין אריבער? האב איך געענטפערט, איך בין טאקע אריבער, אבער איך האב נישט געהערט וואס דער רבי וואונטשט.

האט ער מיר געזאגט נאכאמאל אראפצובייגן דעם קאפ, ער האט ארויפגעלייגט זיינע הייליגע הענט אויף מיר, און געזאגט: **"דער אויבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן אריכות ימים, דער אויבערשטער זאל העלפן זאלסט קיינמאל נישט זיין קראנק, דער אויבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן נחת פון די קינדער"**.

האט דער זקן אויסגעפירט אז די ברכה פונעם זיידע איז פולקאם מקויים געווארן, און דאס אז איך האב מיר יעצט צעבראכן א פוס, איז וויבאלד איך בין יעצט געווארן אכצן יאר (אזוי האט ער געזאגט בדרך צחות, ווען ער איז באמת געווארן 104), עס האט זיך מיר פארגלוסט ארויפצוגיין אויפן שטאק, דעריבער בין איך ארויף אויף א בענקל און אראפגעפאלן... אבער די ברכה פונעם שפאלער זיידע איז מקויים געווארן בשלימות.

האט דער רבי פון סטאלין אויסגעפירט, קומט אויס אז איך האב געקענט דעם בעל שם טוב הק', ווייל איך האב געזען א איד וואס האט געקענט דעם שפאלער זיידע, און דער שפאלער זיידע האט דאך געקענט דעם בעל שם טוב.

הרה"ג ר' אפרים וואקסמאן שליט"א - ר"י מאור יצחק

# אלע השפעות טובות קומט בלויז דורך תפילה (א)

## א זכיה און א מצוה

**דער ספר החינוך** ווען ער רעדט פון די מצוה פון תפילה, שרייבט מורא'דיגע ווערטער, וואס עס איז כדאי צו ליינען זיין לשון:

**'כי הטובות והברכות יחולו על בני אדם כפי פעולתם וטוב לבבם וכשר מחשבותם, ואדון הכל שבראם חפץ בטובתם, והדריכם והצליחם במצותיו היקרות שיזכו בהן, והודיעם גם כן ופתח להם פתח באשר ישיגו כל משאלותיהם לטוב, והוא שיבקשו ממנו ברוך הוא, אשר בידו ההסתפקות והיכולת כל חסרונן, כי הוא יענה את השמים לכל אשר יקראוהו באמת'.**

דער הייליגער באשעפער האט אונז מודיע געווען, אז דורך תפילה קען מען דערגרייכן צו אלעם גוטן. אבער נישט בלויז האט ער אונז געלאזט וויסן אז ווען מען בעט אים ענטפערט ער, נאר ער האט אונז גאר מצווה געווען אז מען זאל דאווענען. ווי דער חינוך שרייבט ווייטער:

**'ומלבד ההודאה להם בזאת המידה, ציוום שישתמשו בה, ויבקשו ממנו תמיד כל צרכיהם וכל חפצת לבם, ומלבד השגת חפצי לבנו, יש לנו זכות בדבר בהתעורר רוחנו וקבענו כל מחשבותינו, כי הוא האדון הטוב והמטיב לנו, וכי עיניו פקוחות על כל דרכינו, ובכל עת ובכל רגע ישמע צעקתינו אליו, לא ינום ולא יישן שומר ישראל, והאמיננו במלכותו ויכולתו מבלי שום צד פקפוק, וכי אין לפניו מונע ומעכב בכל אשר יחפץ'.**

רבותי, עס איז פון די יסודות פון אידישקייט, אז דער אויבערשטער האט אונז נישט בלויז געגעבן א כח התפילה, נאר ער האט אונז מצווה געווען אז מען איז מחוייב זיך צו באנוצן מיט דעם כח התפילה.

## די גאנצע וועלטווארט אויף אונזערע תפילות

**אבער** ס'איז נאך אסאך מער עמוק פון דעם: אין פסוק שטייט (בראשית ב, ה): **'וְכֹל שִׂיחַ הַשָּׂדֶה טֶרֶם יִהְיֶה בָאָרֶץ וְכָל עֵשֶׂב הַשָּׂדֶה טֶרֶם יִצְמָח כִּי לֹא הִמְטִיר ה' אֱלֹקִים עַל הָאָרֶץ וְאָדָם אַיִן לַעֲבֹד אֶת הָאֲדָמָה'.** ווי ס'שטייט דארט אין רש"י, אז די צמחים זענען שוין געווען אויפן פתח הקרקע גרייט ארויסצוקומען, נאר ס'האט אויסגעפעלט אז ס'זאל זיין א מענטש וואס זאל מכיר זיין בטובתן שיתפלל עליהן.

שטייט פון די הייליגע צדיקים, אז מען זעט דא א מורא'דיגע זאך: דער אויבערשטער פירט א וועלט. עס זענען דא ביליאנען און טריליאנען פרטים אין יעדע קלייניגקייט, וואס האט נישט קיין סוף און נישט קיין ערך. די אלע מערכות השמים, די כוכבים ומזלות, ביז צו די קלענסטע מורישקע, ס'איז דא א וועלט און א הלוך ילך וואס יעדע פרט איז אויסגע'חשבונ'ט על פי דבר ה'. עס איז נישט דא קיינער אין דער בריאה וואס קען זיך דארט אריינמישן, אבער איין איינציגער כח איז יא געגעבן געווארן אין דער בריאה וואס קען זיך אריינמישן אין די הנהגת הבריאה; דאס איז - דער כח התפילה!

**עס איז מוטבע אינעם שורש הבריאה, אז יעדע צמיחה וואס דארף געשען; עס זענען דא השפעות טובות וואס שטייען אוןווארטן. פונקט ווי די צמחים זענען געשטאנען על פתח הקרקע, שטייען אלע על פתח השמים, עס זענען גרייט אראפצוקומען רפואות, ישועות און ברכות, נאר וואס? ס'איז דא אן ענערגיע וואס דארף עס אראפברענגען, און דער כח ווערט אנגערופן - 'תפילה'. עס איז געסטעמפלט אינעם בריאה אז קיין שום גוטע זאך קען נישט קומען אויף דער וועלט אנדעם וואס ס'איז דא א כח התפילה!**

## עס איז נישט דא קיין תפילה וואס ווערט נישט געענטפערט!

**איי,** פרעגן די ספרים הקדושים, מען זעט אמאל א מענטש איז מצליח אנדעם וואס ער זאל דאווענען? דארף מען וויסן אז ס'איז נישט אמת, עס איז איינעמ'ס תפילה, א זיידע'ס תפילה, א באבע'ס תפילה, א חבר'ס תפילה.

דער כהן גדול איז אריין אין קדשי קדשים און ער האט מתפלל געווען א תפילה - אז וואס? **'שלא יכנס לפניך תפילת עוברי דרכים המתפללים על הגשם'.** זאגט דער **בריסקער רב זי"ע**: לאמיר זיך אביסל מתבונן זיין, וואס איז דא געשען? עס גייט א מענטש אויפן גאס אין א זמן ווען די וועלט דארף רעגן, ער דארף פונקט אריבערגיין א גאס, און עס טראפט אים אראפ אביסעלע וואסער, ער איז אומבאקוועם, און ער בעט פאר זיך, פאר זיינע 'סעלפישע' צרכים. ער האט בלויז זיך אליין אינזין און קיינעם מער... 'רבונו של עולם, איך בעט אז עס זאל אויפהערן רעגענען', און אזא תפילה מבטל צו זיין וועט נישט העלפן ווייניגער ווי דער כהן גדול יום הכיפורים אין קדשי קדשים! דאס מיינט א תפילה פון א איד!

ווען דער בריסקער רב ז"ל איז געווען נישט געזונט און תלמידים זענען געקומען צו אים, האבן זיי אים געזאגט: "דער רב זאל וויסן אז מיר זענען אלע מתפלל פאר אייער געזונט".

**האט ער געזאגט: "עס קען נישט זיין. ווען עטס וואלטס גוט געדאווענט וואלט איך דאך בעסער געפילט, אז איך פיל נישט בעסער איז א סימן אז מען דאווענט נישט".**

מען דארף וויסן אז תפילה פועל'ט, תפילה ארבעט, תפילה איז א כח, ס'איז רפואות, ס'איז ישועות.

ס'איז דא א מורא'דיגע לשון פונעם **יערות דבש** (חלק א, דרוש א): **'הארכתי בדרשות פעמים רבות, שכל מה שקורה לאיש ישראלי היא בהשגחה פרטית מכיוון לגמול מעשיו, וכפי הנהגתו יום יומו כן ימצא במקרים המתחדשים לו. ובדוק ומנוסה שאם יתפלל אדם שחרית וקריאת שמע בכוונה שבו ביום יזכה לדבר מצוה ויצליח בעסקיו. ואף דלשעה יחשוב שאינו בסופו ימצא שכן הוא, ואין צריך לומר שיצליח בו ביום בתורה ובמצוה גוררת מצוה'.**

## דאווענען מיט א השתפכות הנפש

**וויפיל** דארף מען זיך מחזק זיין אריינצוברענגען א רוח החיים, א כוונה, א שפיכת הלב און א שמחה אין אונזערע תפילות.

ווי עס שטייט אין **מסילת ישרים**, וואו ער איז מתאר וויאזוי א איד דארף זיך אויסרעדן צום בורא עולם, אזויווי א מענטש רעדט, און ער דארף זיך פארשטעלן אז ער שטייט ממש, ער רעדט זיך אויס דאס הארץ אויף יעדן נושא ונושא, מען דארף זיך אויס'טענה'ן און אויסבעטן: איך דארף אזוי, און איך דארף עס פאר דאס און פאר יענס, און פאר יעדע קלייניגקייט, און מסביר זיין אין די תפילות.

דער חתם סופר שרייבט אין פרשת שופטים, אז ס'איז דא א בחינה אז א מענטש קען מיט איין תפילה בכוונה מתקן זיין טויזנטער תפילות וואס ער האט געדאווענט שלא בכוונה. ווער ווייסט וויפיל אונזערע תפילות שלא בכוונה האבן נעבעך אנגעמאכט, און מען קען דאס אלעס מתקן זיין ווען מען לייגט צו כוונה.

---

### אַדִּיר וְחָזָק
ציטוטים קצרים מספה"ק על עוצם כחה של תפלה

### אין הקב"ה מואס ח"ו בשום תפילה

כל אדם צריך להתחזק בלבו אמונה זאת, שבודאי אין הקב"ה מואס ח"ו בשום תפילת עמו ישראל, אף שהקב"ה נקרא הגדול הגבור והנורא, אעפ"כ יקר בעיניו דיבורים של עמו ישראל, אפי' ממי שהוא ח"ו בדיוטא תחתונה, אעפ"כ מגיע מזה תענוג להבורא יתברך.

(קדושת לוי, ויחי)

---

### וַיַּשְׁמִיעֻנוּ
ידיעות שונות ומטמוניות נפלאות בנושא של תפלה

### באורים כבדו את ה'

בכלל כבוד ד', להרבות אורה לכבודו בבתי כנסיות, והוא דוגמת מצות הדלקת המנורה בבית המקדש ... ולכן יש מקומות שמקפידים להדליק נר שמן לפני היכל הקודש, זכר למנורה, שיהא דולק יום ולילה לא יכבה, ולקיים הקרא להעלות נר תמיד, ומאחר שהדלקה זו עושה מצוה, זריזים מקדימים למצוות, שתהא ההדלקה נעשית על ידן, ולא ע"י שמש הכנסת. (יעלזו חסידים, אות שצד)

# עבודת התפלה
## אצל הרה"ק מרן רבי ישכר בער מראדאשיץ זי"ע הי"ד
נפ' ח"י סיון תר"ג

## תולדות צדיק

**הרב** הקדוש **רבי ישכר בער זי"ע, דער באַרימטער סבא קדישא מראדאשיץ**, איז געבוירן אין יאָר תקכ"ה, צו זיין פאָטער הרה"ח ר' יצחק ז"ל, און צו זיין מוטער הצדיקת מרת מרים ע"ה.

זיין פאָטער רבי יצחק איז אַלס בחור געווען אַ בן בית ביים גרויסן מגיד דער הייליגער **רבי ר' בער פון מעזריטש זי"ע**, וועלכער האָט אים אויך צוגעשדכנ'ט די משרתת וואָס איז געווען ביי אים אין שטוב, און צוגעזאָגט אַז זיי וועלן האָבן אַ בן זכר וואָס וועט באַלייכטן די וועלט. די ברכה איז פולקאָם מקויים געוואָרן, און רבי יצחק מיט זיין פרוי האָבן זוכה געווען צו אַזאַ קינד ווי דער הייליגער ראַדאשיצער, וועלכער האָט פאַרשיינט די וועלט מיט זיין צדקות און קדושה.

כשהגיע לפרקו האָט ער חתונה געהאַט מיט הרבנית הצדיקת מרת בילא, אַ טאָכטער פון מו"ה מרדכי ז"ל. ער איז אַריבער דעמאָלס וואוינען נעבן זיין שווער אין שטאָט חענטשין, וואו ער האָט געדינט דעם באַשעפער מיט גרויס האַרעוואַניע. ער איז דאָרט געגאַנגען יעדן טאָג זיך טובל'ן אין טייך אויך אין די ביטערע ווינטער טעג, און געדינט דעם אויבערשטן מיט גרויס מסירת נפש למעלה מדרך הטבע בטהרה ובקדושה.

## 'בערל בטלן' חלש'ט אינמיטן דאווענען

**דער** הייליגער ראדאשיצער האט זיך געפירט מיט א מורא'דיגע עניוות און פשטות, און האט נישט ארויסגעוויזן פאר קיינעם זיין אויסטערלישע גדלות בתורה. די שטאָט מענטשן האָבן אים כסדר נאָר געזען דאַווענען און זאָגן אַסאַך תהלים מיט בכיות, און האַלטנדיג אים פאר אַ פשוט'ער איד און בטלן, האָבן זיי אים אָנגערופן 'בערל בטלן'. דער נאָמען האָט זיך צו אים ווי צוגעקלעבט, און ער אַליין פלעגט זיך אויך רופן מיט דעם נאָמען.

דער הייליגער רבי פון לובלין איז אַמאָל געפארן אין וועג. ווען עס איז געקומען די צייט פון מנחה, איז דער חוזה אַראָפ פון זיין וואָגן, און זיך אָפּגעשטעלט ביי אַן אכסניה אין דעם דערפל 'רודא', וועלכע איז צווישן ראַדאָשיץ און מאָלעניץ, צו דאַווענען מנחה בציבור. דער חוזה האָט מצרף געווען צו זיין מנין נאָר אנשים מצויינים, און מען האָט נישט געקענט צונויפזאַמלען קיין צען מתפללים.

איז דער משמש געגאַנגען זוכן אַ צענטן, און אונטערוועגנס האָט ער געטראָפן דעם הייליגן ראַדאשיצער, איז ער צוריקגעלאָפן פרעגן דעם חוזה, אַז היות ער האָט געטראָפן אַ געוויסן 'בטלן', פון די אָרעמעלייט וואָס דרייען זיך אין די שטאָט, און ער האָט אויסגעמשל'ט וויאַזוי יענער קוקט אויס, וויל ער וויסן צי ער זאָל אים רופן. דער רבי פון לובלין האָט געענטפערט מען זאָל אים שוין רופן.

ווי נאָר מען האָט זיך געשטעלט דאַווענען שמונה עשרה איז דער ראַדאָשיצער פאַר'חלש'ט געוואָרן. מען האָט אים געדאַרפט רייבן די שלייפן מיט ווייַן ביז עס איז אים בעסער געוואָרן, און ער האָט זיך געקענט שטעלן נאָכאַמאָל דאַווענען שמונה עשרה. באַלד דערויף איז ער ווידער פאַר'חלש'ט געוואָרן, און מען האָט אים ווידער געמוזט מונטערן.

נאָכן דאַווענען איז דער הייליגער לובלינער צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט: "**נישט אומזינסט רופט מען דיך 'בטלן'. אפילו מען זעט עפעס דאַרף מען זיך דען אַזוי דערשרעקן און חלש'ן?...**" (נפלאות הסבא"ק, ח"ב).

## זיין תהלים-זאָגן איז חשוב'ער

**אַמאָל** זייענדיג אין פרשיסחא, ווען דער ראַדאשיצער האט געזאָגט תהלים מיט גרויס התלהבות כדרכו בקודש, האָט דער יוד הקדוש דאס געוויזן פאר זיינע תלמידים, זאָגנדיג: "קוקט, זיין תהלים-זאָגן איז אַזוי גרויס און חשוב ביי השי"ת ווי אונזער גאַנצע תורה!"

איינער פון די תלמידי פרשיסחא, **הרה"ק רבי שמשון מזוואָלין זצ"ל**, האָט איבערדערציילט פאר דעם ראַדאשיצער די ווערטער וואָס דער יוד הקדוש האָט אויף אים געזאָגט. אָבער דער ראַדאשיצער האָט זיך אָוועקגעדרייט הערנדיג די ווערטער.

ווען דער ראַדאשיצער איז שוין געווען מפורסם אַלס גרויסער רבי אין ראַדאשיץ, וואו ער האָט געפראַוועט די חסידים, איז געקומען צו אים אַמאָל דער דערמאָנטער רבי שמשון. אָבער דער ראַדאשיצער האָט אים נישט צוגעלאָזט צו זיך אַ שטיק צייט.

אַ צייט שפעטער ווען ער האָט אים שוין צוגעלאָזט, האָט ער אים געזאָגט, אַז דאָס וואָס ער האָט אים מתחילה געהאַט דערווייטערט, איז געווען צוליב די אַלטע מעשה אין פרשיסחא. דער ראַדאשיצער האָט אים געזאָגט אַז דעמאָלס ווען ער האָט אים איבערדערציילט וואָס דער יוד הקדוש האָט אים געלויבט, האָט ער אַ לאַנגע צייט געמוזט האָרעווען אויף זיך אַן עבודה קשה, ער זאָל חלילה נישט נתפעל ווערן, און צוקומען דורכדעם צו התנשאות. דעריבער האָט ער אים יעצט אין אָנהויב מרחק געווען.

## אינזין געהאַט ביי מנחה

**הרה"ק** רבי לייביש פון אוזרוב זצ"ל, איז אַמאל אלס קינד, געווען שטארק נישט געזונט ל"ע, און די דאקטוירים האבן זיך מייאש געווען. האט זיין פאטער הרה"ק רבי יחיאל חיים זי"ע, געשיקט א שליח מיוחד קיין ראדאשיץ, אים מזכיר צו זיין ביים סבא קדישא.

ווען דער שליח איז אריינגעגאנגען צום ראדאשיצער האט ער זיך אנגערופן, אז פאר קינד דארף ער נישט מורא האבן, ער וועט אי"ה אינגאנצן אויסגעהיילט ווערן, אבער דער פאטער דארף יעצט גרויס רחמים. דער שליח האט זיך זייער דערשראקן און נישט פארשטאנען דעם באדייט, וויסנדיג אז דער פאטער איז דאך געזונט און שטארק. דאן האט מען געמאכט א שטיקל הפסקה, און דער ראדאשיצער איז געגאנגען דאווענען מנחה. נאכן דאווענען איז דער שליח נאכאמאל אריינגעגאנגען צום ראדאשיצער, און אים געפרעגט וואס ער האט געזאגט, האט אים דער סבא קדישא בארואיגט, אז די סכנה איז שוין ב"ה פאראיבער, און ער קען שוין רואיג צוריקפארן.

ווען דער שליח איז אנגעקומען אהיים, האט ער געהערט וואס דארט האט פאסירט. דער פאטער רבי יחיאל חיים איז געגאנגען זיך טובל'ן אין טייך. אזוויי ער איז געווען פארטראכט און פאר'דאגה'ט פון זיין קינד'ס מחלה, האט ער זיך פארגעסן וואו ער גייט, און ער איז אריין זייער טיף אין וואסער. ער האט נישט געקענט שווימען, און ער האט זיך אנגעהויבן דערטרינקען רח"ל.

אינעם לעצטן מינוט האט זיין הויז-בחור דאס באמערקט, האט ער זיך גענומען מאכן קולות, ביז א וועשער וואס איז נישט געווען ווייט פון די סצענע איז געקומען צו לויפן, און האט צוגעווארפן א גרויס שטיקל האלץ, און בדרך נס האט ער זיך ארויפגעכאפט דערויף, און איז צוגעשווימען ביז צום בארטן, און אזוי זיך באוויזן ב"ה צו ראטעווען.

אט-די גאנצע געשיכטע האט זיך אפגעשפילט בשעת דער שליח איז געווען ביים ראדאשיצער, און בעת דער צדיק האט געדאווענט מנחה און אינזין געהאט רבי יחיאל חיים, איז ער ב"ה ארויס פון די סכנה.

## משרתיו שואלים
שו"ת בהלכות תפלה הנוגעים בכל יום

### עניית אמן אינמיטן א ברכה

**שאלה:** אויב מען האט אנגעהויבן 'השכיבנו' ביי מעריב, פאר דער בעל תפילה האט אויסגעלאזט 'גאל ישראל', צו קען מען ענטפערן אמן ווען דער בעל תפילה ענדיגט גאל ישראל?

**תשובה:** איינמאל מען האט אנגעהויבן השכיבנו קען מען שוין נישט ענטפערן אמן, וויבאלד מען האלט אינמיטן א ברכה. אויב האט מען שוין געענדיגט 'שומר עמו ישראל לעד', און מען האט נאכנישט אנגעהויבן ברוך ה' לעולם, קען מען לויט רוב פוסקים ענטפערן אמן, וויבאלד מען האלט נישט יעצט אינמיטן א ברכה.

די שאלות ווערן געענטפערט דורך
הרה"ג ר' **נחום צבי מאיר ראזענפעלד** שליט"א
מו"ץ בשיכון סקווירא, ובעל הליכות החיים

איר קענט אנפרעגן א שאלה בעניני תפלה וקרה"ת דורך רופן דעם קרן תוי"ט האטליין און דרוקן #2

ככתוב על יד

# שיחות הוד בבתי גדולי הרבנים ואדמורי"ם שליט"א

### בעת כתיבת האותיות בספר תורה שנכתב ע"י קרן תוספות יו"ט

לע"נ מרן בעל תוספות יום טוב זי"ע ולזכות רבבות המקבלים
שלא לדבר בעת התפלה וקריאת התורה

## הגה"צ אב"ד שפיקוב שליט"א, אנטווערפן







אַ גאר ווארעמע באַזוך איז פאָרגעקומען ביי הגה"צ רבי יחיאל יהושע ראבינאוויטש אב"ד שפיקוב שליט"א בביתו נאוה אין אנטווערפן. וואו דער רב שליט"א האָט אויפגענומען די חברי המשלחת פון קרן תוספות יום טוב במאור פנים, און גאר שיין ארומגערעדט איבער דער הייליגער נושא, און מיט ווארעמע ווערטער מחזק געווען די הייליגע אונטערנעמונג, מעורר צו זיין כלל ישראל שלא לדבר בשעת התפילה.

פאָלגנד זענען עטליכט ציטאַטן פונעם הערליכן שמועס.

**אב"ד שפיקוב:** דער אמת איז אזוי, איך שרייב קיינמאל נישט קיין אותיות אין דער תורה, חוץ פון א ס"ת וואס מ'ברענגט אריין דא אין ביהמ"ד. איך וועל אייך זאגן פארוואס.

איך האב געהאט אן עלטער-פעטער וואס האט געהייסן דער שטעפינעשטער רבי.

**חברי המשלחת:** ער איז דאך געווען דער רבי פונעם ריבניצער רבי'ן.

**אב"ד שפיקוב:** יא, איך האב אסאך שייכות מיט ריבניץ. איך האב אויפגעשטעלט א ת"ת תורת חיים אין בית שמש לע"נ דעם ריבניצער.

**חברי המשלחת:** אין וויליאמסבורג האט ר' יואל לאנדא אויך א ריבניצער ביהמ"ד, א כולל, און א ישיבה.

**אב"ד שפיקוב:** אה, א גרויסע זכי'! דער זכות פונעם ריבניצער רבי'ן וועט אודאי מגין זיין.

עכ"פ, ווען מ'פלעגט קומען צום שטעפינעשטער מיט א ספר תורה אריינצושרייבן אן אות, פלעגט ער זאגן 'איך זאל שרייבן אן אות אין א ספר תורה וואס שפעטער וועט מען ליינען דערין, און מענטשן וועלן רעדן ביים ליינען, וועט עס זיין א בזיון פאר די אותיות!'. - איך האב עס נישט געהערט פון

## הגה"צ דומ"ץ ק"ק וויזניץ שליט"א, אנטווערפן







צווישן די ביקורים בבית הרבנים הגאונים שליט"א אינעם שטאט אנטווערפן-בעלגיע, זענען די חברי המשלחת פון קרן תוספות יום טוב געווארן אויפגענומען במעון ביתו פון הגה"צ רבי שמואל לוריא שליט"א, דומ"ץ ק"ק וויזניץ אנטווערפן. וואו דער דיין שליט"א האָט גאר שיין ארומגערעדט איבער דער הייליגער נושא, און מיט ווארעמע ווערטער מחזק געווען די הייליגע אונטערנעמונג מעורר צו זיין כלל ישראל שלא לדבר בשעת התפילה.

פאָלגנד זענען אויסצוגן פונעם רייכן שמועס:

**דומ"ץ וויזניץ:** ב"ה אז איך טו אסאך אין דעם. שוין איבער צוואנציג יאר, מיט כל מיני אופנים. שוין יארן וואס איך האב איינגעפירט אז מ'רעדט נישט בין גברא לגברא. ביז לעצטנס רעדט דער רבי שליט"א ביי אונז אויך וועגן דעם.

**חברי המשלחת:** דער וויזניצער רבי רעדט היינט פון דעם זייער שטארק.

**דומ"ץ וויזניץ:** איך האב זיך אסאך געשלאגן אויף דעם שוין יארן, אבער ב"ה אלע האבן גע'חתמ'עט.

**חברי המשלחת:** אין רוב וויזניצער שטיבלעך האט מען שוין געמאכט א קאמפיין. אין בארא פארק ווייס איך אז מ'מאכט א מי שברך, דא מאכט מען אויך דעם מי שברך?

**דומ"ץ וויזניץ:** יא אוודאי, דער רבי האט עס איינגעפירט.

וויפיל יאר טוט איר שוין אין דעם?

**חברי המשלחת:** פאר זעקס/זיבן יאר צוריק האט זיך געמאכט אן אויפוואכונג, און ס'האבן זיך צאמגעטראפן אפאר מענטשן בפונדק אחד וואס טוען דערין, און מ'קען זאגן אז ס'טוט אויף גדולות ונצורות. יעדע וואך קומט ארויס דעם גליון, און מענטשן רופן אריין פארציילן מורא'דיגע מעשיות.

**דומ"ץ וויזניץ:** לעצטנס איז

# הגה"צ אב"ד שפיקוב שליט"א

אים, ער איז דאך שוין אוועק תרצ"א - אבער דא אין ביהמ"ד רעדט מען נישט, האב איך יא אריינגעשריבן אותיות.

ממילא אז מ'מאכט א ספר תורה פארן תוס' יו"ט, קען איך שרייבן, ווייל דאס איז א ספר תורה וואס איז ווערט געשריבן ספעציעל כדי מען זאל נישט צו רעדן ביים דאווענען!

**חברי המשלחת:** דער סאטמארער רבי זצ"ל האט אמאל געזאגט, 'הכל תלוי במזל אפילו ספר תורה שבהיכל', אמאל האט די ספר תורה וואס מ'נעמט 'נישט' ארויס, א שטארקע מזל, ווייל מען שמועסט בשעת די ספר תורה איז אפען און ווען מען לייגט דערין.... ער האט דאס געזאגט נאך וואס ס'איז געווען אמאל א שריפה רח"ל אין ישיבה און א ספר תורה איז ליידער פארברענט געווארן.

דא אויפן וואנט איז דא זייער שיין אויפגעשריבן דעם מי שברך פונעם תוס' יו"ט.

**אב"ד שפיקוב:** יא, דאס האט איינער געשריבן מיטן האנט. אן אייניקל פונעם מנחת אלעזר, אונז האבן דא אסאך אייניקלעך פונעם מנחת אלעזר.

איך זאג יעדן וואך דעם מי שברך, אבער איך האב צוגעלייגט צוויי ווערטער וואס שטייט נישט דא: 'קריאת התורה'.

**חברי המשלחת:** מ'האט לעצטנס געטראפן דעם ארגינעלן מי שברך וואס דער תוס' יו"ט האט געמאכט. די אנדערע איז א צאמגעשטעלטער נוסח, אין דעם ארגינעלן שטייט עס יא.

**אב"ד שפיקוב:** אה, 'קריאת התורה?' איך האב הנאה.

**חברי המשלחת:** און ס'איז געווען איינער אין א"י, וואס נאך דער מלחמה האט ער ארומגעארבעט און עס ארומגעטוישט. אינעם ארגינעלן דרוק שטייט 'זוכה לשני שלחנות בעולם הזה והעולם הבא שהוא יום שכולו טוב', און דארט איז די 'יום' און 'טוב' גרעסער, ס'איז מרומז זיין נאמען.

אדאנק דעם קרן תוס' יו"ט, האבן שוין צענדליגע בתי מדרשים זיך געטוישט.

**אב"ד שפיקוב:** איך האב שוין אמאל געטראפן די נסיעה אין קראקא, פון דעם האב איך געוואוסט צו זאגן דערפון.

**חברי המשלחת:** געבן מען געבט אויך ארויס יעדע וואך אין ניו יארק א גליון פאר קינדער, מיט גוטע שרייבערס. דער עיקר פון דעם איז די קאלום וואס הייסט 'מיין סידור'ל' מיט פירוש המילות. יעדע וואך דארף מען אריינרופן זיך פארהערן. פערציג טויזנט קינדער זענען איינגעשריבן.

**אב"ד שפיקוב:** פאר מיין בר מצוה בין איך געווען ביים פני מנחם אין גור, האט ער מיר דערציילט, אז ווען ער איז געווען א קינד האט דער טאטע דער אמרי אמת נישט געהאט קיין צייט, ער איז דאך געווען דער מנהיג פון גאנץ פוילן, און אז ער האט געוואלט עפעס לערנען מיט זיין קינד האט ער געהאט פינף מינוט צו לערנען, ס'איז געווען פון פינף פאר איינס ביז איינס אזייגער. נו, וואס קען מען דען לערנען אין פינף מינוט? האט ער געלערנט מיט אים פירוש המילות פון דאווענען.

אמאל ווען ס'איז געווען אן אסיפת רבנים אין ווארשא איז דער אמרי אמת געפארן, און ער האט אים מיטגענומען, און די אסיפה איז געווען געשמועסט אויף איינס אזייגער. זיי האבן געוואוסט אז דער אמרי אמת איז א פונקטליכער, און יעדע מינוט איז אויסגערעכנט. זיי זענען געקומען אביסל פריער, און פון פינף פאר איינס האט ער געלערנט, און די רבנים זענען געשטאנען אינדערזייט.

ווען ער האט געענדיגט לערנען איינס אזייגער, האט איינער פון די רבנים פון ווארשא געפרעגט פונעם אמרי אמת: "אז מ'האט נאר פינף מינוט צו לערנען מיט א קינד, אפשר דארף מען לערנען עפעס מער פון פירוש המילות?"

האט ער געפרעגט: "איר קענט פירוש המילות? אפשר טייטשט איר די ווערטער 'פינות צבאיו קדושים?' קיינע פון די רבנים האבן נישט געוואוסט וויאזוי צו פארטייטשן די ווערטער...

**חברי המשלחת:** ס'האט זיך געלוינט אהערצוקומען נאר דאס צו הערן, און מ'וועט עס אי"ה דרוקן...

**אב"ד שפיקוב:** קיינער פון די רבנים האבן נישט געוואוסט די פשט... האט מיר דער פני מנחם געזאגט: "אז מ'גייט לייגן תפילין, און יעדער בר מצוה בחור לערנט פשט אין 'לשם יחוד', זאל מען אבער נישט בלייבן שטיין ביים לשם יחוד, נאר גיין ווייטער אינעם סידור, אז מ'זאל וויסן יעדעס ווארט אינעם דאווענען.

איך זע דא אינעם שטענדר'ל אז מ'האלט ביי יוצר אור.

**חברי המשלחת:** דאס איז פון אפאר וואכן צוריק. אז מ'וויל אז די קינדער זאלן עס ווילן לייענען, לייגט מען אריין אלעס ארום תפילה און דאווענען, און מ'מאכט עס אינטערעסאנט.

**אב"ד שפיקוב:** אה, טאקע אין דעם שטענדער'ל שטייט די פירוש המילות אויף 'פינות צבאיו קדושים'. די הייליגע מלאכים. ברוך שכוונתי...

**חברי המשלחת:** אז מען האט צוגעטראפן איז עס תורה לשמה...

**אב"ד שפיקוב:** וואו איז טאקע דער מקור אז אויב מען טרעפט צו איז עס תורה לשמה, איך האב שוין געזוכט דעם מקור, מ'זאגט עס נאך פונעם חת"ס. איך האב עס אייביג געהערט איבערזאגן פון חת"ס, אז אויב מ'לערנט גמרא און ס'קומט אן א פסוק פון דער פרשה, איז עס א סימן אויף תורה לשמה, איך האב עס אבער קיינמאל נישט געטראפן.

(וכתב אות בהספר תורה)

**אב"ד שפיקוב:** יישר כח, כל טוב, בשורות טובות, הצלחה וברכה.

# הגה"צ דומ"ץ וויזניץ שליט"א

דא א גרויסע התעוררות אין דער גאנצער וועלט. איך האב געטראכט אז מ'קען עס מסביר זיין טאקע מיט א תוס' יו"ט. ס'איז דא א תוס' יו"ט לגבי די משנה אין אבות 'לא אירע קרי לכהן גדול ביום הכיפורים', וואס איז דער גרויסער חידוש? שבעת ימים קודם הכיפורים האט מען דאך שוין געמאכט אזא הכנה? זאגט דער תוס' יו"ט, אז וויבאלד דער סטרא אחרא שלאגט זיך, ווייל ער אין די לעצטע רגע אויסנוצן אלע כוחות.

דאס איז געווען ביז נישט לאנג צוריק, ס'איז געווען אזוויי דער סטרא אחרא האט זיך נאך געשלאגן אז מ'זאל רעדן אין אלע בתי מדרשים, ווייל ס'שטייט אין ישמח משה, אז דאס איינע פון די זאכן וואס האלט אפ די גאולה שלימה, ווייל דער רבוש"ע האט מורא אז ווען ס'וועט זיין א בית המקדש וועט מען פלאפלען אין ביהמ"ק... אבער אז מ'וועט ווייזן אז אין די בית המקדש מעט וועט מען נישט רעדן, און מ'וועט האלטן דעם מורא מקדש, וועט עס צוברענגען צו די גאולה. וועגן דעם איז דער סטרא אחרא געשטאנען אויף דעם אזוי שטארק פאר ער ווערט נעקר מן העולם!

(וכתב אות בהספר תורה)

**דומ"ץ וויזניץ:** די תורה אליין איז די גרעסטע ברכה. דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן אז איר זאלט מצליח זיין, און ס'זאלן קומען ישועות.

אז דאס דאווענען איז בסדר איז דא אלע השפעות, ס'איז דא די באקאנטע עבודת ישראל, אז ס'ווערט א וואלקן. אלע אידישע תפילות זאלן ווערן מקובל און מ'זאל זוכה זיין צו די גאולה.

**חברי המשלחת:** די וויזניצער רבי"ס האבן געזאגט, אז דער אהבת ישראל האט טאקע געהייסן 'אהבת ישראל', אבער אויף נישט רעדן ביים דאווענען איז ער געווען מורא'דיג שטרענג.

**דומ"ץ וויזניץ:** יא. דער מאנסי רבי ז"ל האט מיר אליין דערציילט, אז אפילו ער איז געווען א ווייכער און נישט געקענט זאגן קיין מוסר, איז געווען אבער אפאר זאכן וואס אויף דעם איז ער געווען זייער שטרענג. ער האט געזאגט פאר איינעם 'פארוואס קומסטו נישט רעדן צו מיר...'

דער אויבערשטער זאל העלפן אז מ'זאל קענען אסאך אויפטון, און אלע תפילות זאלן נתקרב ווערן צום אויבערשטן.

## אפּראווד צו באקומען אן אפּוינטמענט!

**א גוטן**, דא רעדט מ. ש. - ביטע לייגן בלויז ראשי תיבות.

בערך א יאר צוריק האב איך געדארפט האבן א וויכטיגן מעדיצינישן אַפּוינטמענט ביי א גרויסער דאקטאר וואס איז זייער שווער צוצוקומען צו אים.

איך בין א בחור, און מיין חשוב'ער טאטע האט מיר געזאגט אז ס'איז זייער שווער צו באקומען אן אפּוינטמענט און ס'גייט נישט. מיר זענען געווען זייער באזארגט. וואס גייט דא זיין?

איך האב קיינמאל נישט גערעדט ביים דאווענען, אבער איך האב מחליט געווען, אז היות איך נויטיג זיך אין א ישועה, און איך לייען אזויפיל אין 'נקדישך' איבער דאס חשיבות פון א 'קבלה', וועל איך דאס נעמען אלס קבלה פאר פערציג טעג, און אין דעם זכות זאל איך באקומען אן אפּוינטמענט.

ס'גייט נישט דורך קיין צוויי טעג, און מיין טאטע באקומט א פאון-קאל פון דעם ספּעציפישן מעדיקל אפיס, אז איך בין אפּראווד צו באקומען אן אפּוינטמענט! ס'איז געווען א שאק נייעס פאר יעדעם!

ס'איז דא א גרופּע ספּעציעל פאר די מעדיקל אישו וואס איך האב געהאט, און זיי האבן נישט געקענט גלייבן וואס זיי הערן, ס'איז שוין יארן וואס מ'קען נישט אנקומען דארט! ממש אן אוממעגליכקייט!

און איר ווייסט ווען די אַפּוינטמענט ביי דעם דאקטאר איז געווען?

דער פערציגסטער טאָג פון דער קבלה!!!

ס'איז נישט צום גלייבן ממש, ווי איך האב געזען דעם אפּענעם יד ה'. הפלא ופלא ממש. דער חיזוק פאר מיר און מיינע עלטערן איז געווען מורא'דיג מורא'דיג.

דער אויבערשטער זאל העלפן, אין דעם זכות וואס איר זענט אזוי סאך אידן מזכה און מעורר, זאל יעדער האבן די זכיי און די שטארקייט צו קענען ריכטיג דאווענען, און אנהאלטן די קדושת התפילה וקדושת בית ה', וואס וועט מקרב זיין ביאת משיח צדקינו, אמן.

*

## קבלה משולשת

**לכבוד** מערכת 'נקדישך'.

איך האב מקבל געווען אויף מיר דריי קבלות:

1. שלא לדבר בשעת התפילה שום שיחה בטילה
2. שלא לקרוא גליונות בשעת התפילה וקריאת התורה
3. ואם נזכה לישועה - נפרסם בעזר ה' לעורר בנ"י

כ'האב עס מקבל געווען דריי מאל, איינס נאכן אנדערן.

ביים ערשטן מאל, נאך 30 טעג פון די קבלה - איז איינער פון מיין צירקל ארום א חתן געווארן.

ביים צווייטן מאל, נאך 12 טעג פון די קבלה - איז א צווייטער ברוך ה' א חתן געווארן.

ביים דריטן מאל, נאך 35 טעג - איז ב"ה דער דריטער פאר וועמען איך האב געבעטן א חתן געווארן.

כ'האב מקבל געווען אויף מיר דאס צו מפרסם זיין, אלזא ביטע שטעלט עס אריין אינעם גליון. זאלן נאך אידן נתעורר ווערן והי' זה שכרי.

בס"ד

פארוואס זאגט מען סליחות כ' סיון?

צוליב די גזירות און הריגות רח"ל וואס האבן פאסירט בשנת ת"ח ות"ט.

פארוואס האבן פאסירט די שווערע גזירות?

ווייל מ'איז נישט געווען נזהר בקדושת בית המדרש!

וואס גייען מיר טון דעם יאר תשובת המשקל?

מקבל זיין אויף זיך צו זיין מער נזהר בקדושת בית המדרש, נישט צו רעדן ביים דאווענען, און אכטונג געבן נישט צו האבן קיין אנגעצינדענעם סעלפאן בשעת התפילה!

אנגעגאנגען שלח תשפ"ה:

מעריב, שחרית, מנחה,

אָן קיין סעלפאן!

ושתיקה יפה בשעת התפילה

ז"ל הרה"ק רב ייבי בקונטרס מורא מקדש: "לכך נדפס בשם תוספות יום טוב לעשות 'מי שברך' בכל שבת ושבת למי שאינו מדבר בבית הכנסת דברים בטלים, תיכף אחר סליחות של כ' בסיון, שחיבר תוספות יום טוב, בשביל המעשה שנהרגו רבבות מישראל בשנת ת"ח, אמרו למעלה בשביל שדיברו בבית הכנסת ובבתי מדרשות, ונתחייבו שונאיהם של ישראל דֶבֶר, שפגמו הוי"ו של דבור ונעשה דֶבֶר".

## הוּא מוֹשִׁיעֵנוּ

סיפורי ישועה מכלי ראשון בזכות הקבלה בקדושת התפילה

המשך פון עמוד ב'

ס'איז א זאך וואס איך האלט זייער נאנט צו מיין הארץ. געוואלדיג, איך גיי מאכן א קבלה!

איך האב אזוי, ראש השנה אינדערפרי, בעצם יום הדין, ארויסגעזאגט הויך אין קלאר: "הריני מקבל! איך נעם זיך פאר בל"נ פאר פערציג טעג, נישט צו רעדן אינמיטן דאווענען און נישט ביים ליינען, קיין שום שיחה בטילה, נאר בלויז רעדן צום רבונו של עולם מיט א הייליגע תפילה"!

און כ'האב געבעטן א הייסע תפילה, אז בזכות זה זאָלן שוין מיינע יסורים זיך אָפּקערן פון מיר. כ'זאָל מער נישט וויסן פון ווייטאָג אויף די ציין.

מורי ורבותי. איך זאג אייך נישט קיין מעשיות. איך בין נישט מגזם קיין איין טראפּ.

אויף יענער מינוט האט זיך מיינע יסורים אויפגעהערט! ס'איז געווארן שוואכער און שוואכער, ביז כ'האב שוין גארנישט געשפּירט!

פרעגט מיך נישט וויאַזוי, ווייל כ'ווייס נישט. בעסער געזאגט: כ'ווייס יא! די הייליגע קבלה!

מ'שטייט שוין כמעט א יאר שפּעטער, און ב"ה כ'האב נאכנישט געדארפט צוריקגיין צום דענטיסט זייט דעמאלט!

איך האב נישט קיין שום ווייטאג. איך שפּיר נישט קיין שום יסורים. אלעס גייט אן ווייטער געהעריג אזויווי אמאל, ברוך ה'. הודו לה'!

כ'האב נישט קיין ווערטער אייך צו באדאנקען פאר די התעוררות וואס איר ברענגט, און פאר'ן העלפן אידישע קינדער אנצוקומען צו אזעלכע מורא'דיגע ישועות אין זכות פון די הייליגע קבלה.

אייער זכות לאזט זיך נישט אפּשאצן און נישט באשרייבן! (-) - **וויליאמסבורג**

### מי שברך שחיבר מרן בעל תוס' יו"ט זיע"א

מִי שֶׁבֵּרַךְ אֲבוֹתֵינוּ אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן דָּוִד וּשְׁלֹמֹה, הוּא יְבָרֵךְ הַשּׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ מִלְּהַפְסִיק בְּשׁוּם דִּיבּוּר. מִן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר עַד גְּמַר הַתְּפִלָּה וּבִשְׁעַת קְרִיאַת סֵפֶר תּוֹרָה שֶׁבְּצִיבּוּר: אֲפִילוּ בְּדִבְרֵי תּוֹרָה וְאֵיזֶה דִיבּוּר כָּל שֶׁכֵּן בְּשִׂיחַת חוּלִין וְסִיפּוּרֵי שְׁמוּעוֹת. וְיָחוּלוּ עָלָיו כָּל הַבְּרָכוֹת הַכְּתוּבוֹת בְּתוֹרַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וּבְכָל סִפְרֵי הַנְּבוּאוֹת: יִרְאֶה זֶרַע כָּשֵׁר חַיִּים וְקַיָּמִים. וְיִזְכֶּה לִשְׁנֵי שׁוּלְחָנוֹת שֶׁבִּשְׁנֵי עוֹלָמִים: שֶׁהֵם הָעוֹלָם הַזֶּה שֶׁעָלָיו נֶאֱמַר וְהִנֵּה טוֹב. וְהָעוֹלָם הַבָּא שֶׁהוּא יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ אָרוּךְ גַּם טוֹב: וְנֹאמַר אָמֵן:

KEREN TOSFES YOM TOV
670 Myrtle Ave #6449
Brooklyn NY 11205
Tel: 212.299.9185 Fax: 212.244.6551
Email: Gilyon@KTYT.org